# ניגון על התבודדות לכבוד כנס ההתבודדות "אַשַׁחֲרֶךָּ"

שע"י ישיבה גדולה מתיבתא ברסלב בית שמש

מילים: ר' יואל פוקס

(בניגון 'א טאטע ביסטו גאר א געטרייער')
פון גאר א הויכן ארט
די נשמה קומט אראפ
הייליג ליכטיג דארט
דא שטעלט זיך אלץ אפ

א אנדער סארט וועלט
אלעס איז פארשטעלט
ארץ ציה ועיף בלי מים

(תנועת התחלה)
דורך גיין א וועג
גשר צר מאוד
נסיונות אן אן עק
מי יעמוד בסוד

א יאר נאך א יאר
אזא בלבול גארנישט קלאר
ווער בין איך דא, וואס טו איך דא,
א וועלט פול פגעים

(גיזעצן וכו')
ער גידענקט
און ער בענקט
צו זיין הייליגן מקור

יושב מחכה
ער וויל טאקע
זיין תשוקה,  איז ביז גאר

אבער יעדן צייט
שפירט ער זיך ווייט
אין א טיפן בור

**פזמון:**
התבודדות
היא מעלה עליונָה
וגדולה מן הכל

האסט א זכות
זיי עס קונה
עפן שוין דיין מויל

וואס דו ווילסט נאר
ווער דו ביסט נאר
טוב ד' לכל

סי גוט פאר אלעס
בעט נאר און פוע'ל

אוי אוי
דער בעל דבר ווייסט עס אויכעט
ער טוט נישט לאזן

ער וועט פארלייגן אלע כוחות
דיר נישט צולאזן

פאלג דעם רבי'ן
נישט אויף געבן
קיין טאג אויסלאזן

אויף זיין כח
טו זיך פארלאזן

(גיזעצן וכו')
אין דעם וועג אז דו וועסט גיין
יעדן טאג א שעה
וועסטו טרעפן דיר אליין
קלאר וועט ווערן דא

מחבר זיין צו עם
שפירן דעם נועם השם.

(גיזעצן וכו')
אזוי וועסטו, קענען דורך גיין
די זיבעציג יאר
ריכטיג ליכטיג, שיין און ריין
צוריק גיין צום מקור

אז תתענג, על השם
נישטא, בעסער, פון דעם.

(תנועת התחלת הניגון)
טרעפט זיך א איד
פול דאגות ארום
ווי א ארעמאן אויפן ירדי
קוקט ער אומיטום

ארומגינומען, איז ער
פראבלעמען, ס'איז שווער
יעדער איינער
א גרויסער א קליינער
זוכט א ענטפער

(תנועת התחלת הניגון)
אין עבודת ד' גיוואלד
חסרונות אין אלץ פעלט
ער זעט וואו ער האלט
וואו בין איך אין דער וועלט

די צרכי הגוף
מיט נאך תאוות דער אויף
פארברענען עם די גוטע יארן
ער ווערט פארלארן

(גיזעצן וכו')
אויך נסיונות
מיט שלעכטע רעיונות
דריקן אויפן הארץ

אויך די מידות
עליות ירידות
סי טונקל סי שווארץ

ועל כולנה וואס
די ערגסטע זאך דאס
יאוש דער פארדראס

(גיזעצן וכו')
הוא המסית הוא השטן
נאך וואס ער ווארפט אראפ
ביסט פארלארן ביסט צוטראטן
דרייט ער נאך אין קאפ

פיילן שיסט ער
דיין בלוט גיסט ער
איצטער
לאז זאך אפ
**פזמון:**

(גיזעצן וכו')
ווילסט ניצל ווערן
זיך אום קערן
נעם זיך שוין צו דעם

דערצייל אלסדינג
שווער אדער גרינג
נוכח פני השם

שריי און בעט
ער הערט און זעט
דיר ראטעווען ער וועט

(גיזעצן וכו')
קול דודי דופק
זיי זיך שופט
יעדן טאג און טאג

דיין אמתער ווילן
דיינע  געפילן
מיט דיין מויל עם זאג

ער שרייט אַיֶּכָּה
זאג ענני קָה
**אַשַׁחֲרֶךָּ**